NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13482

FAR DI KINDERSVEGN

Leib Kvitko

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-13482-1

97806571348222T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

קוויטקאָ

פאַר די
קינדערוועלט

7/5/1966

ל. קוויטקאָ

פאר די קינדערסוועגנ

ל י ד ע ר

מ י ט ע ל ע כ א י נ פ ע ר ז נ

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1935

טראמווײַ

טראמ-טראמ — טראמווײַ,
זײַ דאָכ שטילער, שטילער שרײַ.
נעמ אונדז אופ אונ טראָג אונדז אומ
אינ דער גאנצער שטאָט ארומ.

— גיכ, קאָנדוקטער, א בילעט!
אונ דעמ אויסגאָב באלד איכ בעט,
אונ באמ קלוב דו שטעל זיכ אָפּ,
דאָרטנ גייענ מיר אראָפּ.

זע, קאָנדוקטער, פירער, זע,
דעמ מאָטאָר נאָר ריכטיק דריי.
האָסט אזעלכע שווערע שיכ,
אז דו רירסט זיכ קוימ מיט זיי.

ווּו מע דארפ, דאָרט שטעל זיכ אָפּ,
אלטע מענטשנ העלפ אראָפּ,
קליינע קינדער העלפ ארופ,
טו א קלונג אונ ווײַטער לויפ!





די קוזניע

טיק-טאק העמערל,
שטעלן מיר א קעמערל,
ווענטלעך פון א בלעכל,
פון קאבאק א דעכל.

צוויי קאַוואדלעס שווערע
וועט א קוזניע ווערן.
גליטשיק, גליטשיק איז די ערד,
דארף מען אפקאָווען די פערד.

פירט דער פאסטעך דורך די קי.
— ווער וועט, בעורע, ווינען הי?
— נו, אוואדע נים די קי,
וועלן, כאווער, ווינען הי.

פירט א צווייטער דורך א פלוג:
— וואס וועט שטיין דארטן, זאג.
— נו, אוואדע נים דיין פלוג
וועט מען קענען שטעלן דא.

אָט פון דאָרטן, זעט און הערט,
פליט א רײַטער אויף א פערד,
לײַב צו לײַב און־קאָפּ צו קאָפּ,
פליט ער צו און שפרינגט אראָפּ:

— כעוורע, קאָוועט מיר מײַן פערד!
— פיר עס נעענטער אהער!
פײַער, האַמער, בלאָזזאַק, בלאָז,
נו, פאַרהייב דעם פערד דעם פיס.

זעסט, מיר האַלטן דיך ניט לאַנג,
נעם דאָס פערד און זאָג א דאַנק!



אין צירק

נו, איז דער צירק
אין שטעטל אריַין,
אפּ גרויסן פּלאַץ
אַזייגער נײַן.

איידער מע האָט
אין שאַלאַש אים געבראַכט,
איז שוין געוואָרן
שפּעט אַפּדערנאַכט.

האָט מען געשטופּט זיך,
האָט מען געוואַרט!
כאַפּטעם מיט מענטשן
האָבן געגאַרט!



יאַסע דער שנײַדער
אינ ענגשאַפּט באַם טיר,
די שנײַדערקע אויכ,
די קינדער נאָכ איר.

פארלירט זיכ די כעוורע
הינטער דער טיר:
„— כײַקע!
בײַקע!
טאָטל!
טײַקע!
היי-היי!
צו מיר!



צוויי אף די אקסל,
און צוויי בא די הענט, —
שטופט זיך דער פאטער,
פארשוויצט און פארברענט.

האט ער דאס געלט
אין דער קאסע דערלאנגט, —
האט ער באקומען
די אויבערשטע באנק.

די אויבערשטע באנק
אף דער גאלעריי,
— „בייקע!
בייקע!
טאטל!
מייקע!

מיר זיינען העכער
פון אלע זיי!"

זיינען פאיאצלעך
מיט רייפן ארויס.
אף איינער א קאץ
האט געריטן א מויז.



א מיידעלע טאנצט
באַם באַלקן אַף דראָט.
— „ביַיקע!
ביַיקע!
מאָטל!
מיַיקע!
בייגט זיך ניט איבער,
איר פאַלט אַראָפּ!“

ווי נאָר דער טיגער,
דער לייב און די שלאַנג
זיַינען אַרויס
און געדרייט זיך באַם שטאַנג,

האָט
כײַקע,
בײַקע,
טאָטל,
מײַקע

פאַר שרעק
פאַרשטעקט זיך
אונטער דער באַנק.

— וואָס האָט איר מוירע,
זיי מאַכן שפּאַס, —
זאָגט [illegible] מאַמע,
אַליינ איז זי בלאַס.

און קיכלעך צעטיילט זי,
איינס נאָכאַנאַנד
די קעפּלעך זי גלעט זיי
מיט ציטריקער האַנט.

הייבט זיכ אופ מײקע,
דאָס קלענסטע קינד.
הייבט אופ דאָס קיכל
אונ ווארפט עס געשווינד.

טוט קעגנ קיכל
דער לייב א שפרונג,
פאלט אים דאָס קיכל
גלײַכ אפ דער צונג.





א מײַסע

קינדרע,
קאפינדרע
איציק פינ!
כ׳קענ א מײַסע
אנ אנטיק!

נעכט צונויפ
די שפילעכלעכ,
די שפילעכלעכ,
די מילעכלעכ,
די מילעכלעכ,
דאָס הויז
דאָס מײַסעלע הערט־אויס!



קינדרע
קאפינדרע
א הון מיט א האָן:
די מײַסע די שיינע
זי הייבט זיך שוין אָן.

זי הייבט זיך שוין אָן,
א קו מיט א קאלב,
די מײַסע די שיינע
זי איז שוין בא האלב.
זי איז שוין בא האלב,
א קאץ מיט א מויז —
די מײַסע די שיינע
זי לאָזט זיך שוין אויס!

נעמט צוריק
די שפּילעכלעך,
די שפּילעכלעך
די מילעכלעך,
די מילעכלעך,
דאָס הויז
דאָס מײַסעלע איז אויס!





צוגאסט

ניאָ-וויאָ, פערדל,
העץ-העץ, פורל,
גיכער אינעם וואלד ארײַנ
צו דער באבע מירל!

דאָרטנ וואקסנ דעמבעס,
שוועמעלעכ אונ גראָזנ,
דאָרט—אזעלכע פויגלענ
מיט אזעלכע נאָזנ!

בא די גרויסע דעמבעס
שפאנט ארום די באבע,
ווי א קלײנינק הינדעלע,
א הינדעלע א ראבע.

דאָ איז אינ די וועלדער
כײַעלעכ נאָר קלײנע,
מיט דער באבע איז מענ
גאנצע גוטע שכײנים.

ס'פוקסל צו דער באבען
קומט אמאל אפ פראקעס,
טה מען שוין פארבעטן
אויך א פאר איזשאקעס.

אפגעווישט די וואנצן,
אויסגעלעקט די שיפל,
בלייבט מען פאר גרויספרייגטשאפט
זיצן נאך א ביסל.

אז איך קום אהינצו,
העלפ קאבאקעס שיילן,
האט די באבע מייסעס,
מייסעס צו דערציילן.

שיקט מיך צו דעם ברונעם.
ג'עמער איז א לעכל,
ריר איך אן דאס וואסער, —
רעדלט עס און שמייכלט.

— באבע ס'רינט דער עמער! —
שריי איך. הער איך זאגן:
— ווען ס'א גאנצער עמער,
ווי וואלסטו דערטראגן?...

גיט זי הייסע פראקעס,
האלט איך אינ איינ בלאָזנ,
גיי איך זוכנ לעכער
וווּ סע וווינענ האָזנ.

ניאָ-וויאָ, פערדל,
העצ-העצ, פורל,
גיכער אינעם וואלד אריינ
צו דער באבע מירל.

בא די ווילדע כײַעס

1

איצי פיטשעריצי
רופט צו זיכ די קיצי:

— קיצי־קעצל, שלאָפנ באַלד,
מאָרגנ פאָרג מיר אינ וואַלד,
צו דער באָבע האָדי,
צו דעמ זיידנ דאָדי.

וואָס איז דאָרטנ דאָ?
וואָס איז דאָרט נישטאָ!
קוק מיר אינ די אייגעלעכ,
ווילסט שוינ קליינע פייגעלעכ? —
דו, קישקע אָנ א דנאָ!

איצי פיטשעריצי,
שלאָפט שוינ אויכ די קיצי.

קלמן מרמור, ניו יארק

2

כאַלעמט זיכ אימ:
צאַמ ער פאָרט
אפ א הונט, א דארנ כאַרט,
פאָרט אינ פעלד,
אינמיטנדרינען
אונ דער כאַרט ווערט גאָר אנטרונען,
אונ נאָר איצי איינ אליינ,
אזוי קליינ,
אינעמ סטעפ אזא גוואלדאָוונעמ!

3

פויגלען שרײַען,
טשריק-טשרעק.
צווישנ גראָזנ:
טאק-טעק,
ערגעצ הילכט מענ:
העפ, העפ,
זאנגענ זשומענ מיט די קעפ.

פאלט אפ איצין אַ א שרעק:
„וויידע דאַדי, באַבע האַדי!
א-אָ! א-אָ!
פלוצעם, אוי, —
א פוקס איז דאָ!
זאָגט דער פוקס:
„איצי פיטשעריצי,
ווילסט אהיים צו קיצי?
זעצ אפ מיר זיכ,
האלט מײַנ עק,
טראָג איכ דיכ אהיים אוועק!

זעצט זיכ איצי,
האלט זיכ צו.
פוקס צעלאָזט זיכ — או-או!
סטעפּעס,

סטויגנ,
ווינטנ שמײַסנ אינ די אויגנ,
אינ די אויערנ

בויערנ, בויערנ,
ביז דער פוקס — א שטעל זיך אפ
אונ א שאָקל מיטנ קאָפ:
— איצי פיטשעריצי!

ס׳איז דײַנ היים,
דײַנ קיצי.

לאָזט אים איצי אפ דעם עק,
שפרינגט דער פוקס

אפגיך אוועק.
אָבער איצי טוט א קוק —
אָט א פוקס א ליגנערוק!
אוי, גוואלד!

ניט אינ דר׳היים איז ער —
אינ וואלד!

ווילדע כײַעס אים אנטקעגנ
פונ צווישנ הינטערוועגנ!

שטיל, א טיגער:
פײַער-אויגן,
זיך צום וואָרפן צוגעבויגן.
ציינער בליאַסקען.
שטילערהייט
רוקט זיך,
רוקט זיך,
מאַכט זיך גרייט!

און פון צווייטער זײַט א לייב!
קעגן איצינג זיך א הייב!
קאָפּ באַוואַקסן און צעשויבערט,
טוט א רעווע פּלוצעם,
ברומט,
אַזש דער וואַלד אין שרעק פאַרשטומט!

כאַפּט זיך איצי אָפּ צוריק,
טוט אָבער א שניט א בליק:
א וואָלף! אויגן בליצן,
פּיסק און אויערן אָנגעשפּיצטע,
דרייט זיך,
רוט ניט;
רוט ניט, דרייט.
אויף א שפּרונג טאָן איז ער גרייט.



און פון היגעט קומט אַן שווער,
שווער און בעריש קומט א בער.
אָנגעפּעלצט אין וואַרעמע פוטער.
דאכט זיך, גאָר אזוי א גוטער.
נאָר די אויגן — פינטלעך צוויי —
פינצטער, בלינד, אוי, זוכן זיי!

פלוצעם גאָר א בוים צעווינט זיך,
שאָקלט,
— פּאַטלט מיט דעם קאָפּ:
ס'לאָזט א מאַלפּע זיך אַראָפּ.

צוויי פּאָר הענט און גרויסע אויערן,
מיט אַן עק אַן אומגעהייערן,
און איר אויסזען האַריק, ווילד,
נאָר קימאַט א מענטשלעך בילד.

און פון אונטן ניט קיין טריט,
נאָר סע וואָרפט זיך און סע זידט,
דרייט זיך, קנוילט זיך, ציט זיך לאַנג,
שלאַנגלט, שלענגלט זיך א שלאַנג.
גלאַנצט און דרייט זיך רינג אין רינגל,
שמעקט אַרויס איר גיפטיק צינגל.

4

געמענ דער לייב אונ דער טיגער
זיכ קריגנ:
ווער עס איז ער, איצל,
אונ דער בער שרייט:
ער וויל אויכ א פיצל!

די מאלפע מאכט א גוואלד:
„לאזט אפ דעם מענטשנ באלד!
לאזט אפ דעם מענטשנ באלד!
אפ וואס וועט אייכ קלעקנ
דאס מענטשעלע,
דאס ברעקל!"

אונ דער וואלף —
דרייט זיכ אונ דרייט,
אונ געגעצט ברייט:
קריגט אייכ אונ שלאגט אייכ,
אונ גראבקייטנ זאגט אייכ,
אונ איכ וועל דערוויל, שטילערהייט
אים טאנ א כאפ,
אונ מיט די ציינ א קלאפ,
אונ א שפרונג אונ אוועק,
אנ א וועג, אנ א שטעג,
פונעם וואלד אינעם טאל,
פונעם טאל אינ די סטעפעס —
אונ גייט אונ טוט מיר עפעס.

און איצי קלערט:
„אוי, ווי נעמט מענ
א ביקס צי א שווערד!
אוי, ווי רײַסט מענ זיכ ארויס פונדאַנ—
אוי, ווי נעמט מענ כאַפּט אַנ עראָפּלאַנ.
אוי, אַט טוענ זיי א פלי,
און די לאַפּעס אפ מיר א שטעל,
און מע מאַכט פונ מיר טיל-טעל,

טיל-טעל...

פלוצעם טוט א שמאַר פונ הינטנ
און סע כאַפּט ארום אים שטאַרק
און א הייב אים אינדערלופטנ,
און ער זיצט ווי אפ א בארג!





אוי, ווער איז עס,
אוי, ווער איז?
ס'איז דער העלפֿאַנט,
אַט אַ ריז!
איצינג אופגעזעצט אַפֿ זיך
און ער טראָגט אים ניט גאָר גיך.

5

פרייט ער זיך שוין, איצי,
שאָקלט מיטן קאָפּ.
און די ווילדע חיות
טרעטן פאר אים אָפּ.
טראָגט אים העלפאַנט ניט דורך וועגן,
קומען גוטע אים אנטקעגן:
הירשל שטאָלצנער,
שלאַנקער הירש.
לויפט אדורך — שאַרש-שירש.

א זשיראַפֿ א שיינער, פיינער
שפיצט זיך אוף
און הערט זיך איינעט.



זעברעס פריילעך, לוסטיק, שיינ,
יאָגנ נאָך זיך איינס נאָך איינס,

אונ א נאָזהאָרנ אפ פאשע,
אונ קענגורעכעס מיט טאשנ.

אלע גריסנ זיי זיך איצענ
איצענ, איצענ פיטשעריצענ,
אונ זיי לויפנ אים פארביי.



איז צום סאָפ וואלד געקומענ,
האָט דער העלפאנט אים גענומענ
און געטאָנ אים אזא שפּיי!
איז ער, איצי, גיך צעפליגנ
און א פאל געטאָנ זוי בלײַ!

האָט ער אופגעמאכט די אויגנ,
און דערזענ זיכ מיט קיצענ, —
גאָר אינ בעט!



כאָלעם

מיר אז א כאָלעם
כאָלעמט זיכ אָנ,
וועק איכ זיכ אופ
אונ קוק זיכ ארום.

א כאָלעם א גוטער —
א כאָלעם איז בלויז!
א כאָלעם א שלעכטער,
לאכ איכ זיכ אויס.

אראָפ פונ געלעגער,
דאָס וואסער איז פריש,
סע כיינדלט אונ שייַנט
די טיי אפנ טיש.

אונ פריש איז די לופט.
א פייגעלע רופט.
כ'האָב עס אליינ אלצ אויסגעפרווט!

דאָס זשוקל

א רעגן, א רעגן
סע גיסט מיטאַמאָל.
אין רינוועס, אין ריטשקעס,
אין טײַכלעך, אין טאָל.

סײַ ביימער סײַ טוועס,
זיי ציטערן נאַס,
קיין מענטשן, קיין פויגל,
קיין הינט ניט אין גאַס.

נאָר איינער א זשוקל
מיט פיסעלעך רויט
דאָ דרייט זיך מיט ריטשקעס
און שפּילט זיך מיט טויט.

אָט קערט זיך דאָס איבער,
אוי, גול-גול, און אויס!
אָט שטעלט דאָס א פיסל
און רײַסט זיך ארויס.



אַט טוט אים אין קעפּל
א טראָפּן א קלאַפּ,
און אונטן א בולבע
אַט טוט דאָס א כאַפּ.

נאָר דאָ טוט א שפּענדל
א קרים זיך, א לויף,
א נייג זיך צום זשוקל,
און נעמט עס ארויף.

דאָס שטעלט זיך אינמיטן
און האלט זיך גוט צו,
עס שווימט זיך דאָס שפּענדל
און טראָגט ערגעץ-ווו.

די ריטשקע, זי בלעבלט
און זילבערט און בלענדט,
עס טראָגט זיך דאָס שפּענדל
פֿאַר שטיבער, פֿאַר ווענט.

און קומט צו א שטיבל,
און טוט זיך א שטויס,
אריין אין א לעכל,
אריין אין א הויז.

פונ זאמד

אלע זאמדנ נעמט אהער,
מיט דער האנט אונ פונ א קער,
לאָמיר אופשטעלנ א הויז,
אונ א טעדל מיט א רויז,

אונ א גרויסנ פארק ארום,
וועכטער שטעלנ אומעטום.
האָט מענ זאמדנ, זאמדנ פיל,
קאָנ מענ מאכנ וואָס מע וויל.
ווילט איר פעלדער? — נאט אײַכ, זייט!
אונ א וועלדל נעבנ שטייט.
אונ א פויער הייבט א האק.
מיט קארטאָפליעס שטייט א זאק,
אָט א לאָשעק, אָט א ציג,
אונ א קעצל אינ א וויג.
אונ א קו פליט אפנ דאכ,
לייגט אנ איי... ניינ, איכ לאכ!
ווייסט איר פונ וואָס אלצדינג שטאמט?
נאָר פונ פראָסטנ, פײַכטנ זאמד!



לענקע שוין א גרויסע

ביסט שוין א גרויסע,
מײַן קינד,
א גרויסע
מײַן ציגעלע־רינד.
די הענטעלעך
וואשסטו זיך ריין,
דו קאָנסט זיך
באַזאָרגן אליין.

— איך בין שוין א גרויסע,
אליין קאָן איך גיין
אינדרויסן.

ארויס
און באַט וואַנט זיך געשטעלט.
א שטילע באַקוקט זי
די וועלט:
פון אויבן דאָרט —
עראָפּלאַנען,
און אונטן —
לויפן באַנען.
גאָר נאָענט
א שוועלבעלע פליט,
שיר־שיר אָט
די ערד זי באַרירט.

גייט דורך
א מומעלע איינע
און זאָגט א גוט־מאָרגן
דער קליינער.

געזאָגט —
און זיך ווײַטער געשפּאַנט.
בלײַבט לענקע
פֿאַרשעמט און פֿאַרפּלאָנטט.

זי שטאַרקט זיך,
און קאָסע נעמט קוקנ
דער סומענ דער ווײַטער
אינ רוקנ.
צום רוקנ
א נייגנ מיטנ קאָפּ
און ענטפֿערט
גוט-מאָרגנ איר אָפּ.

און פֿריילעך
ארײַנ צו דער מאמענ:
— מאמע, א סומענ אזא מינ
האָב איך געזאָגט
א גוט-מאָרגנ.
איך קענ שוינ
אליינ זיך באזאָרגנ!



אנא־וואנא, בריגאַדיר

— אנא-וואנא, בריגאדיר,
עפנ אופ פונ שטאל די טיר,
ווײַז די נײַע, שיינע
כאזערלעכ די קליינע!
— שפעטער, שפעטער, כעוורעלײַט,
איצט דאָ ניט ראשנ.
כ׳האלט דאָכ איצט די כאזערלעכ
גראָד אינמיטנ וואשנ!

— אנא־וואנא, בריגאדיר,
עפנ אופ פונ שטאל די טיר,
לאָז זיי דאָכ א גלעט טאָנ—
מאָגערע צי פּעטע?

— שפעטער, שפעטער, כעוורעלײַט,
האָט איר דענ פארגעסנ?
ס׳דארפנ די כאזערלעכ
גראדע איצטער עסנ!

— אנא-וואנא, בריגאדיר,
עפנ אופ פונ שטאל די טיר,
ביכער שוינ באווײַז זיי—
ראָזעווע, צי ווײַסע?

— שפּעטער, שפּעטער, כעוורעלײַט,
שטילער, ניט געלאָפֿן,
כ'לייג אוועק די כאזערלעכ
גראדע איצטער שלאָפֿן!

— אנא-וואנא, בריגאדיר.
אלע קינדער בעטן דיכ!

— שא, שא, כאווײַרימלעכ!
עס שלאָפֿן די כאזײַרימלעכ, —
אַטאָ שלאָפֿן זיי זיכ אוים —
לאָז איכ זיי צו אײַכ ארוים!



שפּראַכנ

יאשע טראכט:
אלע זאכענישנ ריידנ
ס'איז א לאָשנ דאָ בא יעדנ.

אָט מע עפנט אופ די טיר,
טוט זי באלד א סקריפּ אפ דיר:
„ריפּעט, ריפּעט, כ'האלט ניט אויס,
'רײַנ. 'רויס!.. 'רײַנ, 'רויס...“

אָט מע זעצט זיכ אפנ בענקל,
טוט דאָס בענקל זיכ א קווענקל.
„גיי דיר, גיי. —
גיי, ניט דריי!..“

נאָר פונ אלעם רעדנ שענער:
לעפּל, מעסערס, שיסלענ, טעלער,
מיט א ליארעם, מיט א פרייד,
זײַנענ אָנגעשטאָפּט מיט רייד!

נאָר דעם טאטנס גאָפּל-מעסער
שמועסנ שטיל אונ ניט פונ עסנ.



אונ דער מאמעס פלינקער גאָפּ
שפּרינגט אַרומעט: „האָפּל, האָפּל“.
„קינדער עסט נאָר ריינ אונ שיינ,
וועלנ מיר הײַנט אינ קינאָ גיינ“.

כאַזערט איכער יאָשעס גאָפּל:
„קינאָ גיינ, — אָט א פרייד!“
אונ דער גאָפּל שטילערהייט:
„אײַ, דו, יאָשע, זאָג מיר, נאָשער,
פאַרנ עסנ זיכ געוואַשנ?“
טראַכט זיכ יאָשע: „נעמסט שוינ טײַנע
מיט דעם שיינעם לאָשנ דײַנעם,
מיט די לאַנגע דײַנע ציינ?“
אונ ער טוט א הייב דעם גאָפּל
אונ א שמעק אים אינעם כריינ!



ווי קאָנענ זיי וואקסנ?..

ווי קאָנענ זיי וואקסנ
אַנ זונ אונ אַנ שײַנ?
ווי קאָנענ זיי וואקסנ
אונ קרעפטיקע זײַנ?

איכ מײנ די בארסוקלעכ
די קליינע, אינ וואלד,
וואָס טיפ אינ דער נאָרע
די מאמע זיי האלט.

וי לאָזט זיי באטאָג דאָכ
אינ וואלד ניט ארויס.
אינ וואלד גייענ יעגערס,
זיי כאפנ זיי אויס.

די יעגערס, זיי דארפן
די פעלעכלעך בלויז.
די מוטער וויל אָבער
ניט ליידן, און אויס!

זי דארף זיי, זי דארף זיי
אינגאנצן אליין.
זיי וואקסן אין נאָרע
אי קרעפטיק, אי שיין.

און טאָמער באדארף מען
א קאפעלע זון.
איז אויב מע באדארף נאָר,
איז קען מען עס טאָן.

דערופ איז די מוטער
אוואדע ניט פויל,
פאמעלעכן כאפט זי
דאָס קינד אינעם מויל

און טראָגט עס אין דרויסן,
אין וואלד אף דער פריש,
אָ דאָרט, ווו די זון איז
מיט שאָטן געמישט.

זי שטעלט זיי, די קלײנע,
אונ זי לעבנ זיי.
אונ ווענ זיכ דערוואַרעמט, —
איז ווערט א געשריי:

האָפּ, האָפּ,
בא קלײנע בארסוקלעכ
פארדרייט זיכ דער קאָפּ,
פונ זונ, פונ די שטראַלנ
פארדרייט זיכ דער קאָפּ.

זיי ווילנ נימ מערער,
סע בריט זיי, סע שטיקט! —
דערשרעקט זיכ די מוטער —
אונ שלעפּט זיי צוריק.

זי פרווט זיכ פארכאַפּנ
צו צוויי מיטאָמאָל.
אינ נאָרע איז בעסער,
ס'איז קיל אונ סע שמאָל.

ס'איז שמאָל אונ ס'איז פינצטער,
נימאָ דאָרט קײנ זונ, —
וואָס דאַרפנ בארסוקלעכ.
נאָכ בעסערס דערפונ!

באַבעצי בלומצי די שלאָגלערנ

קומט באַבע בלומצי
צו קינדערלעכ קומט זי:
— נעמט מיכ אַרײַנ,
אַ שלאָגלערנ זײַנ!

ווער העלפט בײַ דעמ שניט?
די באַבעצי בלומצי!
ווער קלײַבט, וואָס צעשיט?
די באַבעצי בלומצי!
בלומצי די באַבעצי
שאַרט מיט דער שקראַבעצי,
העלפט פּיאָנערנ
די זאַנגענ פֿאַרמערנ.
זי אַרבעט ווי צענ, —
די באַבעצי קענ.

װער העלפֿט באַ די קי?
די באָבעצי בלומצי!
װער מעלקט זיי גאַנצ פֿרי?
די באָבעצי בלומצי.
בלומצי די באָבעצי
רײַבט מיט דער שקראַבעצי,
העלפֿט פֿיאָנערנ
די שטאַלנ פֿאַרקערנ.
דעם בעזים אינ האַנט
זי קערט אונ זי ראַמט.
דעם קאָרנ װער היט?
באָבעצי בלומצי!
װער הערט פֿרעמדע טריט?
די באָבעצי בלומצי!
בלומצי די באָבעצי
שפּיל מיט דער שקראַבעצי
העלפֿט פֿיאָנערנ
דעם פֿײַנט צו דערהערנ,
זי הערט זײַנע טריט —
געהיט, איז געהיט!



די קו אינ נעפּל

אוי, וווּ איז די קו שוינ ווידער?
שווערער נעפּל נידערט, נידערט.
שווערער נעפּל דעקט די ערד.
מאַניע, קו, דו קום אַהער!

נעפּל, נעפּל, וואָלקנ ווײַסער,
אויס, ניטאָ קיינ טײַכ, קיינ הײַזער,
אַלצ צעגייט אינ ווײַסנ רויכ,
נאָכ אַ ווײַל צעגיי איכ אויכ!

נאָר אַ באַרג מיט קאָפּ אַ שמאָלנ
וואַרפט דעם נעפּל אינ די טאָלנ,
וואַרפט דעם נעפּל טיפ אַראָפּ
אונ באַפרײַט זײַנ הויכנ קאָפּ.

העלער ווערט דער בארג און לויטער,
בלאסלעכ-ראָז און רויטלעכ, רויטער.
און פון נעפּל-טאָל שווימט צו
צו דעם בארג דאָרט אונדזער קו.

שפּאַנט אפּ בארג, צום קאָפּ צום שמאָלן,
און דער נעפּל לויפט פון טאָלן
און-די קו שפּאַנט אלץ ארופ,
איר אנטקעגנ זון גייט אופ.



קראָען און שוואַלבן

1

שטייט בײַ פֿרעמדער נעסט די קראָ
און זי שרײַט אַזוי אַראָפּ:

קראַ-קראַ!
געפּאַקט אַ נעסט!
קראַ-קראַ!
זי האַלט זיך פֿעסט,
איך האָב ניט געבויעט,
איך האָב ניט געטרויעט,
און כ׳האָב,
און כ׳האָב
אַ נעסט!

קראַ-קראַ!

די נעסט איז גראָם,
קראַ-קראַ!
איך טרעט ניט אָפּ!
די פֿיס ניט גערירט זיך,
מײַן פּיסק ניט געשמירט זיך,
און כ׳האָב,
און כ׳האָב
און כ׳האָב!

— שעם זיך, שעם זיך, קראַקע-קראָ,
וואָס דו שרײַסט אַזוינס אַראָפּ!

2

אונ די שוואלב,
אונ די שוואלב,
אָנ א שרײַ,
בויעט שוועד,
בויעט שוועד
איר געבײַ.

אונ ניט פויל
מיטנ מויל,
מיט די פיס,
הינ אונ הער,
פונ דער ערד
צום קארניז.

ארבעט שווער,
בויעט שווער,
בויעט פעסט,
קלעפט פונ ליים,
קלעפט פונ ערד,
זיכ איר נעסט!

ליבע שוואלב, ליבע שוואלב,
נא דיר פונ מײַנ פרישטיק האלב!



פיסקלעך־שנאָבעלעך

קאַנאַריקעס און שפּערלעך,
פּיקן, פּיקן קערלעך,
פּיקערס, פּיקערס שרעקעדיקע,
שנעבעלעך דרײַעקעדיקע,
דרײַעקעדיק און פּעכט
יאָדערלעך מע פּרעסט.

אין די פרישע פריִען,
פליִען שוואַלבן, פליִען,
שנאָבעלעך ברייטביינערדיקע,
כאַפּן פליגלעך שוועבנדיקע
אײַנצושלינגען גרייט
פליִענדיקערהייט.

די הינער און די הענער
שפּײַזן זיך נאָך שענער.
קערעלעך איז קערעלעך,
ווערעמלעך איז ווערעמלעך.
אין די מיסטן, אַף די וועגן,
פאַרן רעגן, נאָכן רעגן,
אַ שפּאַן — אַ פּיק, אַ פּיק — אַ שפּאַן,
קערעלעך פאַראַן,
ווערעמלעך פאַראַן!

קאַבאַקעס

ווײַט פֿון איר געצעלט,
אױפֿן געלן פֿעלד,
איז בײַ דער באַבע שלאַק
אױסגעװאַקסן
דער גרעסטער קאַבאַק.

קניִשעס װעט זײַן אױף א סאַך,
פֿאַרן גאַנצן דאָרף.
מע װעט קאָנען באַקן און באַקן,
און די קערלעך קײנמאָל ניט דערקנאַקן.

גײט די באַבע דעם קאַבאַק
צום בײדל אַריבערפֿירן,
קאָן זי אים ניט רירן.
שטופּט זי, דרײט זי, די באַבע,
און פֿאַרלירט א שקראַבע.



לויפט צו דער זיידע צום קאבאק
— און זאָגט:
„אזא מינ נעמט מענ אינ א זאק!"
און ער באשפּיט די הענט
און מוט זיכ א נעם
צום קאבאק,
ווערט באלד זײַנ העמד צעקנאקט!

קרעכצט די באבע: — קכא, קכא,
געזענ א קאבאק אזא!
כאַטש לאָז אים דאָ ליגנ, דעם בער,
און ברענג אים דאָס בײַדל אהער!
— און דער זיידע קרעכצט פארשעמט:
— אומזיסט-אומנישט צעקנאקט דאָס העמד!

פלוצעם וואקסט א כעוורע אויס,
און איינער א יאטל, אזוי די גרויס,
שרייט:
— אט א קאבאק!
— באבע, מיר וועלן דיר העלפן אים שיילן,
און דו וועסט מיט שטיקלעך
אונדז אלע באטיילן!

דא האט די באבע געזאגט פארטראכט:
— כ'וואלט אייך אפילע
נאך קנישעס געמאכט!
— נאר?
— איך קאן אים ניט רירן פון ארט.

איז דאס יאטל אוועק צום געצעלט
און געבראכט א האק,
און האקט און האקט אין קאבאק
און צעקנאקט!

פאר פרייד האט די באבע
פארלוירן די צווייטע שקראבע,
פארגעסן אז העמד האט דער זיידע,
זיי האבן א נעם געטאן ביידע,
און מיט הענט און מיט זאק
אריבערגעטראגן דעם גאנצן קאבאק!

אָנגעפּילט די מולטער אינ דער שטוב
און פאַר דער שטוב א פולע גרוב —
אזויפיל איז געווענ קאבאק!
פאַר מענטשנ אָבער
איז ער ניט געווענ גע׳שמאַק.
נאָר די קי, די כאזיירים
האָבנ דעם קאבאק געריסנ פונ די פינגער,
אלצ באלעקט זיכ מיט די צינגער,
און ניט געקענט פארגעסנ גאָר,
און קלאָר:
זיי האָבנ דעם קאבאק געפרעסנ
קימאט א פערטל יאָר!



יאסליעס שפּאַצירן

מע עפנט אין יאסליע די טירן,
די קינדערלעך פירן שפּאַצירן.

בא הענטלעך מע האלט זי[illegible] פּאָר,
כאַווייִרים איין גרויס, [illegible] יאָר.

די פענעמער קײלעכיק, [illegible]
דער דרויסן — א גרויסער. מיט גראָז.

דער דרויסן — איז הימל און ערד.
אַט לױפט נאָך אן אווטאָ א פערד.





און פּלוצעם אַ וואַסערל לויפֿט,
אַ וואַסערל לויפֿט פֿון אַ הויף.

פֿון עפּעס אַ הויפֿישן קראַן,
די ברייט פֿון אַ קינדערשן שפּאַן!

איז בלײַבן די קינדערלעך שטיין, —
דערוועגן זיך ווײַטער ניט גיין.

אַ וואַסער! וואָס זאָלן זיי טאָן!
די לערערן קוקן זיי אָן.

— אַריבערצושפּרינגען אײַך שווער?
אָנ, גיט די הענטלעך אַהער!

און באַלד טוט אַ הייב אין דער לופֿט
אַ קורצן, אַ קינדערשן גוף.

— איך וויל ניט, איך קען עס אַליין!
דעם טײַך דעם אַריבערצוגיין.

אַ שפּאַן געטאָן האָט ער, דער שנעק,
און גליקלעך אַריבער דעם ברעג.



דאָס פערדל פונ באנאכט

געקומענ צו פארנ
דער פאפא באנאכט.
ער האט פונ דער רײַזע
א פערדל געבראכט.

א פערדל אזא מינם
ווי מאקס האט געוואלט.
דער קאפ און די פלאענ
מיט שווארצנ געמאלט.

ניט פאשעט מיט שווארצנ,
נאר מאקע לאקירט.
און מאקע דאס צײַמל
מיט זילבער באצירט.

אזא מין וויל מאקסל
שוין זייער פון לאנג,
אָט שטייט עס, דאָס פערדל,
אליין אפ דער באנק.

און קוקט זיך אפ מאקסלען,
סע ווארט און סע קוקט,
נאָר מאקסל ווייסט גאָרניט,
ער שלאָפט און — גענוג!

פארטאָג ערשט דערזעט ער,
צעשריַיט זיך ניט שיר:
סע, דאכט זיך, א פערדל
פארלאָפן צו מיר!

וואָס איז עס, א כאָלעם?
צי טאקע א פערד?
ער רייַבט זיך די אויגן
און קוקט אלץ און קלערט.

און באלד מיט די הענטלעך
א פריידיקן פאטש:
— סע גאָר ניט קיין כאָלעם!
ב'א גאנצער פערדאטש!

אראָפּ און געכאַפּט עס,
און טום עס א פּיר.
א צימער טוט מאַקסל
בא יעדן זײַן ריר.

א קאָפּ — איז א קאָפּ,
און אן עק — איז אן עק!
באַקוקן די פּיסלעך
ער לייגט זיך אַוועק.

ס'עגייט, אז מע שלעפּט עס!
ס'עשטייט, אז מע וויל!
און אויב עס צעלייגן,
איז ליגט עס דאַן שטיל?

פירט מאַקסל דאָס פערדל,
די מאַמע ער וועקט.
די מאַמע, דעם פּאַפּאַ,
ער רײַסט אים די דעק.

זיי זײַנען פאַרשלאָפן
און ענטפערן קוים.
מע זעט ניט דאָס פערדל!
מע זעט ניט די צוים!

איז פירט ער עס וויַטער,
זיַין פערדעלע פירט.
און קלאפט מיט א הענטל
דעם שאָכן אין טיר.

סע ליגט נאָך דער שאָכן,
פון בעט פרעגט ער „ווער”?
— איך וויל דיר באוויַיזן,
באוויַיזן מיַין פערד.

— איך האָב עס געזען,
מיַין טיר איז פארמאכט.
— דו האָסט ניט געזען,
ס׳א ניַיט פון באנאכט!

— איך קען עס, דיַין פערדל,
איך קען עס גענוג.
— דו קענסט עס ניט, קענסט ניט,
אָט טו נאָר א קוק!

— איך זאָג דיר, איך קען עס,
אָט הער, אז איך קען:
איין קאָפּ האָט דיַין פערדל.
— ווי ווייסטו עס דען?

— הער ווײַטער, דײַנ פערדל
פיר פיסלעכ פארמאָגט!
— „פיר פיסלעכ? פיר פיסלעכ!
ווי ווייסטו עס, זאָג?“

פארכידעשט איז מאקסל,
פארכידעשט אונ קלערט:
„ער האָט ניט געזעג
אונ קענ עס, מײַנ פערד“!

„ווי קענ ער עס קענענ?
אז ס'איז גאָר בא מיר!“
אונ מאקס א פארקלערטער
קוקט שטיל אפ דער טיר.

א מיליציאָנער

— בירגער פאפא, ווארט באם טיר,
זעסט דאָב, איך סיגנאליזיר!
— האָסט זיך, קינד, אזוי פארשטעלט,
אז איך האָב דיך ניט דערקענט.

אין מײַן מאנטל אינעם גרינעם,
און פארגארטלט מיט א רימען,
אָנגעטאָן זיך אפן קאָפּ
עמאלירטן מילעך-טאָפּ!

ווער-זשע, זאָג מיר, ביסטו, ווער?
— איך, א מי-לי-צי-אָ-נער!
— וואָס-זשע ווילסטו דען פון מיר?
פארוואָס האלטסטו מיך באם טיר?

— אפ מײַן פאָסטן שטיי איך, שטער נים.
קוק, מײַן פארביקער לאמטערן,
הייסט דיך ווארטן בא דער טיר:
בירגער, זײַ אָרגאניזירט!
דארפסט זיך פונעם אָרט ניט רירן
ביז איך וועל סיגנאליזירן.
איך פיר אָן מיט דעם פארקער,
אווטאָס הין און אווטאָס הער,
מאסע-וואָגנס, אווטאָבוסן,
לויפן דארפן, לויפן מוזן.
קוק, די מענטשן אפן ראָג

פאָלגן אַלץ, וואָס איך זאָג
מיט דעם פאַרביקן לאַמטערן!!
גייט אַ רינג פון פּיאָנערן —
— שטייט, מאַשינעס! שטיי, אַלצדינג,
רויק זאָל אַדורך דער רינג!

— כ'קאָן שוין מער ניט שטיין באַם טיר!
האָסט פאַרגעסן, דאַכט, אין מיר!
כאַווער מיליציאָנער,
ב'דאַרף אין יענעם אָרט, אַהער!



דער קאַווּנ

פאַראַנענ ערד א פּאַסיקל,
באַ אונדז לעבנ דעם פּלויט,
צעאַקערט כ'האָב דאָס פּאַסיקל —
א קערל כ'האָב פאַרזייט.

פאַרטריקנט כאָטש דאָס קערעלע,
געוואַלגערט אונטער טריט,
האָט דאָכ פאָרט א בלעטעלע
פונ דעם אַרויסגעבליט.

געגאַנגענ רעגנס, רעגעלעכ,
דאָס בלעטל ווערט א בלאַט,
דער בלאַט ציט אויס גאָר פינגערלעכ
אונ ווערט א גאַנצער יאַט!

נאָכ רעגנס אונ נאָכ רעגעלעכ,
נאָכ זונענ אונ נאָכ ווינט —
אונ די בלעטער בלעטעלעכ
געבוירנ גאָר א קינד!

א קאַוונדל, א קליינינקעס,
א קילעכדיקס, א גרינס,
האַלט זיכ באַ א האָדענע
מיט העלדזעלע א דינס.

געוואַקסן איז דאָס קאַווּנדל,
געוואַקסן איז מײַן גליק,
אַרומגעצאַמט מיט בודיעקעס
פֿון ייִנגלעכס ציינגלעכס בליק.

ביז איינמאָל נאָך אַ וואַרעמעס,
איך גיב אַ שפּרונג צום אָרט,
טרעף איך שוין קיין קאַווּנדל,
נאָר שוין אַ קאַווּנ דאָרט!

מיט פּאַסיקלעך, מיט שטרייפּעלעך,
און מיט אַ ווײַסער באַק,
איך פּרוּוו צווישן קניעלעך,
האַ-האַ ער טוט אַ קנאַק!



כ׳האָב געכאַפּט א מעסערל
געטאָן א ריר — און טראַכ!
דער קאַווּן איז צעפאַלן זיכ,
אָ, דימענטן א סאַכ!

א האַלבּם געשענקט דעם שוועסטערל,
א האַלבּם פאר מיר אליינ,
ס׳איז יעדער אַפּ מײַנ קאַווּנדל
מעקאַנע מיכ געווען.

לאַנג שוינ נאָכן קאַווּן גאָר
געבליבן שיסלעכ צוויי,
האָב איכ פאר די הינדעלעכ
א טרונק געשטעלט אינ זיי.



און פון די שווארצע קערעלעך
געמאכט האָב איך א שנור,
א ביַיטשל שיינע פּערעלעך
מיַין שוועסטער א באַציר.

אָ, טיַיער איז, ווי טיַיער איז
אַט דאָס ברעקל ערד,—
און זעט-זשע, זעט-זשע, קינדערלעך,
וואָס פון א קערל ווערט!

א קאָניוכ

איכ בינ א קאָניוכ
אינ אונדזער קאָלווירט.
זעט מײַנע פערדלעכ,
געקעמט אונ געצירט.

פינקטלעכ דאָס עסנ
פאר זיי איכ פאָרמיש.
זײַנענ זיי שטענדיק
געזונט אונ פריש.

זײַנענ זיי שטענדיק
צו ארבעטנ גרייט.
זעט נאָר ווי פריילעכ
אינ שפאנ מע גייט.

שטײַפע די אויערנ,
אינגאנצנ סע גלאנצט.
שלעפט מענ די מאַשינ
גאָר גרינג מיט א טאנצ.



לעמל נאשער

1

איך קען א יינגל לעמל, —
א פּיצער נישט קיין יונג,
און רויטע צוויי אייגלעך,
א גלעקעלע די צונג.

דאָס היטל — אַן א דאַשעק
דאָס מײַלעכל — אַן א שלאָס,
ס׳ע קוואַקעט, ווי א פרעשל,
ס׳ע פּלאַפּלט אַן א מאָס.

ווי קוועקזילבער — די פיסלעך,
זיי שווינדלען הין און הער,
נאָך גיכער ווי דאָס קעצל,
ווי ס׳צאַפּעקל, נאָך מער.

אך, איז ער א נאַשער,
א ווילער פינגער-לעק!
ער האָט א קונציק נעזל,
און דאָס האָט א געשמעק!

באַהאַלט פאַר אים זײַן מאַמע
עפּעס אפ אַן אָרט,
דערשמעקט ער באַלד און נישטערט
און געפינט עס פאָרט:

2

זומער, אַך, אַ זומער!
גערעטעניש אַ גרויס,
גאַנצע בערג מיט פּרוכטן,
פולע שטאַלן אויבסט.

זײַערט מען, מע פּרעגלט
זוייערס, אײַנגעמאַכטס,
קאָכט אין דאָרף, אין שטעטל,
פון פאַרטאָג ביז נאַכט.

זידן פײַער־פאַנען,
דרויסן לעבט און ראַשט,
אין די טעג האָט לעמל
יִך, האָט ער גענאַשט!

פלוימען, עפּל, ווײַנשל,
ווײַמפּערלעך און נאָך,
אײַנגעמונקט אין פּרעגלעכטס
איז די גאַנצע וואָך.

און אויך לעמלס מאמע
מיט אלעם גלייך אזוי
האָט זי אָפּגעפּרעגלט
איַינגעמאכטס א סלוי.

גוט פֿארמאכט, פֿארבונדן,
איַינגעשנורט מיט שטריק,
אים פֿארוקט אַף הרובע,
וויַיט פֿון לעמלס בליק.

נו, האָט זי באהאלטן,
ווער-זשע דארף אים דען?

זוייסט פון גאָרנישט לעמל,
זואָס אונ ווער אונ ווען.

איינמאָל, ווען זיין מאַמע
אפ־ארבעט איז אַוועק,
איז געבליבן לעמל,
שפּילט ער זיך, דער שנעק.

קערט דאָס טישל איבער
מענצלט אפּדערגיך,
בינדט צום בעט א האנטעך,
הוידעט, הוידעט זיך.





כאפט די קאץ די געלע
טוט איר אָן א בריל,
כאפט דער מאמעס קליידל
און טאנצט מיט קאץ קאדריל.





שלעפּט אַרויס אַ קאַפּטל,
מאַכט פֿון דעם אַ באַל,
וואַרפֿט אים, ביז אויף הרובע
טוט דער באַל אַ פֿאַל.

טוט אַ הייב זיך לעמל,
טוט אַ קוק: אוי, אוי! —
ס'שטייט דאָרט אויף דער הרובע
אײַנגעמאַכטס אַ סלוי!

באַפֿט אַ באַנק צום הרובע,
בענקל אויף דער באַנק,
בענקעלע אויף בענקל —
לעמעלע דערלאַנגט!

האַפּ, און נישט געציטערט,
גרינגער פֿון אַ שטרוי,
זיצט ער אויף דער הרובע,
גלײַך שוין מיטן סלוי.

קלמן סרבי. ניו יאָרק

בינדט ער אָפּ די שטריקלעך,
זוערט פארשוויצט, פארברענט,
אינעם סלוי אריַנג איז,
גליַיך מיט ביידע הענט.

כאַפּט און לאַפּט און קוויקט זיך,
גיסט און שלינגט און לעקט,
קלעפּט זיך אים דאָס פּאָנעם,
ווערט מיט רויטס באַדעקט.

ביז סע ווערט אים נימעס,
קוקט ער שוין אין זאַפט,
זאַפט איז ווי א שפּיגל,
זעט ער זיך און גאַפט.

קרימט זיך, דרייט די פּיסקעס,
טוט מיט מויל א קלינג,
שטופּט דעם קאָפּ צום שפּיגל,
אים לעקן מיטן צונג.

3

לעמל האָט א כאַווער,
הייסט ער דאָדיק גרינ.
יענער ליינט שוינ ביכלעכ!
גאָרניט גלײַכ צו אים.

קומט ער פונעם לערנענ,
פאלט אים מאַקע אײַנ:
פאַרוואָס זאָל כאַווער לעמל
הײַנט אינ שול ניט זײַנ?

גייט אַרײַנ צו לעמלענ,
קיינער איז נישטאָ,
ערשט אינ קיכ, דערהערט ער,
עמעצ איז דאָרט דאָ.

קומט אַרײַנ פאַמעלעכ,
שטיל אונ שטיל אַזוי,
אונ דערזעט דאָרט לעמלענ,
מיטנ קאָפּ אינ סלוי.

שטיקט אים א געלעכטער,
האַלט ער זיכ קוים אײַנ,
פאַלט אים אײַנ א שפּיצל, —
גייט ער שטיל אַרײַנ.



ס׳בענקעלע באלד כאַפּט ער,
ס׳בענקל און די באַנק,
שטעלט אוועק זיי ווײַטלעכ,
שטיל און אָנ א קלאנג.

און ארויס אינ דרויסנ,
דאָריקל, דער שנעק —
בלײַבט שוינ אפ דער הרובע
לעמל, פינגער־לעק.

4

ווייסט פונ גאָרניט לעמל,
ווייסט אָבער די טיר,
טוט זי שטיל א זינג זיכ,
טוט זי שטיל א־ריר.

גיט א כאפ זיכ לעמל,
נעמט אים אָנ א שרעק —
ווײַט פארוקט די בענקלעכ,
אזש אינ צווייטנ עק!

ס'אויסגעשמירטע פאנעמ,
איינגעקלעפט אינ זאפט,
דירט זיכ, קרימט זיכ ווײנענ,
שרעקט זיכ, דרייט זיכ, גאפט.

שפארט ער זיכ בא ווענטלעכ,
ווארפט אראפ א בליק: —
אכ, ווי הויכ! — דערשראקנ
כאפט ער זיכ צוריק.

כליפ אונ כליפ אונ כליפעט,
אונ צעווײנט זיכ גאר,
אונ די פײכטע הענטלעכ
אינ די נאסע האר.

ווײנט א שא, א צווייטע
אונ קײנ הילפ נימ קײנ, —
נעמט ער סלוי ארומעט,
דרעמלט שפיל זיכ אײנ,

דרעמלט מיטנ קעפּל
אָנגעשפּאַרט אינ סלוי,
כאָלעמט אזוי לעמל,
איז אים גוט אזוי...

5

קומט אַרײַנ אינ צימער
ווידער דאָדיק גרינ
אונ א כעוורע ייִנגלעכ
באלד אַרײַנ נאָכ אים.

מ'האלט זיכ בא די טײַלער,
שטיל אונ שטיל זאָל זײַנ,
בייגנ זיכ אונ קרומענ,
האלטנ זיכ קוים אײַנ.

נעמט מען זיך פֿאַר הענטלעך,
שטעלט מען גלײַך זיך אויס,
פּלוצעם קענגן לעמלען
טאַנצט מען, שיסט מען אויס:

„לעמל, לעמל נאַשער,
האָסטו דיר אַ פּסאַק,
קוק אַראָפּ, מיר האָבן
אײַנגעמאַכטס אַ זאַק"!

גיט אַ [illegible] לעמל,
ס'הער [illegible] רים,
ער טוט אַ [illegible] פֿון הרובע
און דער סלוי נאָך אים!



א קאָנפּעטל

1

אַך, דער יאַנטעוו אין קאָלאָניע,
אַלע גרייטן אים, הײַ מײַ!
גייט א רעגן, שמײַסט א האָגל,
מײַ איז יאַנטעוו סימוויסײַ!

נאָכן יאַנטעוו גייט עקסקורסיעס,
ביז עקסקורסיעס. — אויך ניט שלעכט,
ס'איז נאָך דאָ מיט וואָס צו שפּילן:
פֿאַרב און ברעטלעך, קליי און בלעך!

און דער שעף געשיקט האָט ביכלעך
און צוקער־קעס פּעקלעך צען.
— ווען וועל איך שוין קענען לייענען!?
כאַנקע, לערערקע, נו, ווען!

כאַנקע, זע נאָר די צוקערקע,
ס'איז פֿון נעכטן, זעסט א זאַך!
זעסט אַף דעם א קינד? סע קײַעט
און א קאָטער זיצט און לאַכט.

און א בין, זי באָדט דאָס קעפּל
אין א שיסעלע מיט זים,
זע, א שפּין אזא מין גרינער,
אָנ א קאָפּ גאָר, נאָר פון פּים.

אָט איז לייבל, לייבל־פּייבל!
— קוק, וואָס איך האָב אזא זאך!
— איך האָב אויך, און נאָך א שענערס —
א טרומייטל — שפּיל איך: פּאאאא־אַפּ!

— לייבל, קוק נאָר, קוק אַפּ דער זייַט
און אַפּ דער נאָך, זע נאָר... שא...
זאָג אליין, האָסט שוין געזען
א קאָנפעטל גאָר אזא?

— ווייסעך, כ'וואָלט זיך ניט געביטן.
מייַנס — א זאך! — און דייַנס וואָס איז?
— שא, כ'צעוויקל, וועלן מיר זען,
וואָס איז שיין און וואָס איז מיס!

זעסט א דעקל, נאָך א דעקל,
און די לעצטע דינע דעק.
אוי א שיינינקס, אוי א געלינקס,
נא שוין, טו דאָך אויך א שמעק!

— נא דיר, ווילסט אָט דאָס טרומייטל?
און די פארבן אלע אכט?
ווייסטו, גיב מיר דיין קאָנפעטל,
נאָר זיך ביטן איבער נאכט.

— ניין, איך וויל ניט, כ'טו א לעק נאָר,
און פארוויקל ווי געווען,
און איך גיי עס לייגן שלאָפן
און איך לייג זיך לעבן דעם!

כ'וועל עס מאָרגן דיר ערשט ווייזן,
ס'איז אין קישן שוין פארוקט.
גיי דיר, לייבל-פייבל, איינער,
א מין קוקן, ווי ער קוקט!





.2

אוי, וואָס איז מיר אין די אויגן?
כ׳זע ניט מײַן קאָנפעטל דאָ!
אפֿן בעטל, אונטערן בעטל,
אינעם העמדל, ס׳איז נישטאָ!

כאַנקע, לערערקע, כאַנוסיע,
זוכ־עס מיר, איך בעט דיך, אָפּ!
לייבל־פייבל, עפּשער ווייסטו!
נו, דריי אוים אהער דעם קאָפּן.

ס׳איז דאָך גאָר מיט מיר געשלאָגן,
דאָ, צוקאָפּנס, בא דער באַק.
לייבל־פייבל, זאָג דעם עמעס,
עפּשער האָסטו עס געפּאַקט?

שניי־טײַבעלעך

שניי און שניי און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך טײַבעלעך.
פליִען, פליִען, זעצן זיך
אפֿ דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט אַ ווײַסינקע,
פול באַזעצט מיט טײַבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
פרישינקע ווי קעלט.

גיי איך — שפּרינגען טײַבעלעך,
לויף איך — פֿליִען טײַבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
מיך פאַרדרייען זיי.

אוי, אַ שאָד צו רירן זיי!
אוי, אַ שאָד צערײַבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך ניט —:
דרייט זיך, דרייט, איך שטיי!..

גיין, בעסער לאָזן זיך
דרייען זיך מיט זיי!



פראָסט־ליד

אינעם דרויסן שטייט דער פראָסט,
ווי ער שטייט, אזוי זיך שטייט ער,
גייכט ארויס צו אים — ער לאָזט,
נאָר ווו דו גייסט, אהינצו גייט ער.

האָט מען וועש ארויסגעהאנגען,
איז דער פראָסט די וועש באפאלן,
און באשיט עס מיט קריסטאלן.
האָט מען וועש ארויסגעהאנגען —
כאפט דער פראָסט
און מאכט עס הארט,

האַרט און פראָסטיק
און פאַרדאַרט,
ווי ס'איז אויפגעהאַנגען.
שטעל אַוועק די וועש —
זי שטייט.
טו אַ שטופּ די וועש —
זי גייט,
ז'איז אַוועקגעגאַנגען!

אויב די זון דערלאַנגט מיט שטראַלן,
גייען אויס די שניי־קריסטאַלן,
און די וועש אין גאַנג וועט פאַלן.

ווינטל, ווינטל, רײַטערל,
אויף מײַן דאַשעק רײַט;
פראָסט, דער פראָסט, דער שנײַדערל
מיר דאָס נעזל שנײַדט.
פראָסט, דער פראָסט, דער צופּערל
צופּעט אין די באַקן.
די שליטנס אויף די שנייען
קנאַקן!



כ׳וויל אויכ אהינ

אפ לענג אונ אפ ברייט
איז צעגאנגענ דער שניי,
סע קומט אנ די פרייד
פונ פרילינג-פארזיי.

געפאלנ די פרעסט,
שוינ גרעסער די טעג.
א ווינטעלע עסט
דעם שניי אפנ וועג.

די וועלדער צעשפרייט,
זיי זאפנ דעם שניי,
סע קומט אנ די פרייד
פונ פרילינג-פארזיי.

אפ אײַזערנע פערד,
אפ פערדישע פערד
פארט מענ ארויס
פארזייענ די ערד.

קאָלווירטישע ערד —
זי לאָזט זיכ ניט אויס.
פונ סטעפּ אונ פונ בערג
קוקט זי ארויס.

אהער קוק, אהינ,
גייט מענ, מע גייט,
מיט פערד אונ מאשינ —
מע זייט אלצ, מע זייט.

כ'וויל אויכעט אהינ,
בא פערד אונ מאשינ
אינמיטנ דער פרייד!



זומער פֿאַרטאָג

דער טאָג באַגינט.
דער טוי אױף גרינס,
אױף גרינס, אױף גראָז.
עס פֿינקלען ראָז
די שפּיצן פֿון ביימער.
א קאַפּעלע זון
אױף יעדער
בוים און בלום.

שפּערלעך שרײַען
אין אַ ראָד:
„ניטאָ קיין ווערעמלעך
אין סאָד!"
ניטאָ קיין ווערעמלעך,
ציוו-ציוו!

ניטאָ, ניטאָ,
ווײַל סעדער זײַנען קאָלעקטיוו.

די סאַדער
אָפּגעשיט מיט פּרוכטן.
אַט פּרוּווט,
א וויערעמל זוכט.

מיט פּרוכטן פול
אדורכ און דורכ,
טו א צוויַיג א שטורכ —
וועט זיכ נעמען שיטן!

ניטע!
זיי האלטן נאָכ אין וווּקס
אין סאַמע מיטן.



אָט גײט א רעגנ!

גיכער, כעוורע,
לויפט צום גרוב,
אונ פארשטעלט די וועגנ!
גיכער, כעוורע,
בלאָטע, זאמד,
אָט-אָ גײט א רעגנ!

לויפט אהערצו,
גיכ אינ גרוב,
גיכ א נעם טאָנ שפּילנ.—
לאָמיר מאכנ בריקנ גיכ,
אונ לאָמיר שטעלנ מילנ!



א בריוו דעם כ. וואָראָשילאָוו

אוועק איז מײַנ ברודער
אינ רויטער ארמיי,
מײַנ ברודערל ליבער
אינ רויטער ארמיי!

כאווער ווארשילאוו!
כ'האב ליב אים א סאך.
כאווער ווארשילאוו!
אים שטעל אפ דער וואכ!

א שלאָגלער מײַן ברודער,
פֿרעמירט אין וואָרשטאַט,
א יאַט איז מײַן ברודער,
שוין איינמאָל א יאַט!

כאַווער וואָראָשילאָוו!
כ'האָב ליב אים אַזוי!
כאַווער וואָראָשילאָוו,
דאָס לאַנד אים פֿאַרטרוי!

אָט הערט מען, פֿאַשיסטן,
זיי שאַרפֿן די שווערד,
ניט אַנדערש — זיי ווילן
סאָוועטישע ערד!

כאַווער וואָראָשילאָוו,
דעם ערשטן אין קריג,
כאַווער וואָראָשילאָוו,
מײַן ברודערל שיק!



א שלאָגלער מײַנ ברודער,
דער בעסטער בא אונדז!
ער וועט זײַ באווײַזנ
א קרײַכנ צו אונדז!

כאווער וואָראָשילאָוו!
אונ פאָטער... ער פאלט,
כאווער וואָראָשילאָוו,
איז שרײַב מיר דאנ באלד!

איכ בינ שוינ א גרויסער,
איכ וואקס נאָכאַנאַנד,
איכ לערנ זיכ האלטנ
א ביקס אינ דער האנט!

רויטע ריַיטער

רײַטן רויטע רײַטער,
וויגנדיק זיי רײַטן,
דינע פּיס בא פערדלעך
צאָקנדיק זיך בײַטן :

צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

אפ שטיינערנעם ברוקיר,
די פּיקעס אינדערלופטן!
פאָרויס דער קאָמאנדיר!

יאטנ אינ די זאטלענ
רייטער, רויטע העלדנ,
יאטנ פונ זאוואדנ,
יאטנ פונ די פעלדער!
צאק,
צאק,
צאק,
צאק.

זיי קוקנ אינ דער וויט,
די פיקעס אינדערלופטנ!
די ביקסנ אפ דער זייט!

קלאפנ אפנ פלאסטער,
קאפיטעס סע קלאפנ,
קאפיטעס די פעסטע
פלאסטער-שטיינ באטאפנ.

צאק,
צאק,
צאק,
צאק.



די צוימענ אינ דער האנט!
די פּיקעס אפּ פאָרויס,
צומ גרענעצ פונעמ לאנד!
ס'רײַסנ זיכ כאזיירים
קווימשענדיק פונ דאָרטנ,
קריכנ מיט די פּיסקעס
אינעמ ראטנ-גאָרטנ.

צאָק,
צאָק,
צאָק,
צאָק.

איז אָנגעצילט די קלעפּ —
די פּיקעס, פּיקעס שטויס
אינ כאזערישע קעפּ!





אינהאלט

	זײַט
טראַמוויַי	5
די קוזניע	6
אינ צירק	8
א מײַטע	14
צוגאסט	17
בא די ווילדע כײַעס	20
כאָלעם	32
דאָס זשוקל	33
לענקע שוינ א גרויסע	35
פונ זאמד	37
אנא־וואנא, בריגאדיר	38
שפראכנ	40
ווי קאָנענ זײ וואקסנ?	42
באבעצי בלומצי די שלאָגלערנ	45
די קו אינ נעפל	47
קראָענ אונ שוואלבנ	49

- פּיסקלעך-שנאָבעלעך 51
קאַבאַקעס 52
יאַסליעס שפּאַצירן 56
דאָס פערדל פון באַנאַכט 58
אַ מיליציאָנער 63
דער קאַוון 66
אַ קאָניוך 70
לעמל נאַשער 71
אַ קאָנפעטל 83
שניי-טײַבעלעך 87
פראָסט-ליד 88
כ'וויל אַליך אַהין 90
זומער פאַרטאָג 92
אָט גייט אַ רעגן! 94
אַ בריוו דעם כ' וואָראָשילאָוו 95
רויטע רײַטער 98

Редактор — Л. Гольдбег
Художник А. Короткин
Техред — М. Погостер
Корректор — А. Биттер

Сдано в производство 14/I—35 г.
Подписано к печати 8/III—35 г.
Ф. 6 . 72×105 $^{1}/_{16}$ 12 $^{1}/_{2}$ п. л.

Уполном. Главлита Б — 2376
„Эмес“ № 3. Тираж 3000 экз.

Типография изд-ва „Дер Эмес“,
Москва, Покровка, 9. Зак. 40

Цена 4 руб.

Переплет 1 р. 25 к.

פּרײַז 4 ר.

אײַנבינד 1 ר. 25 ק.

П. КВИТКО

ДЛЯ ДЕТЕЙ

Издание „Эмес", Старопанский пер., 1.